עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע


מאת
הרה"ח ר' חיים בנימין ורטהיימר ז"ל


קונטרס ח'

"ויצא יצחק לשוח בשדה"

# תוכן השיחה


'שיחה' בינו לבין קונו

'דינא קדישא' און 'דינא דמסאבא'

מיין קינד, רעד צום מיר!

'עשיו' איז זיך מייאש..

א מענטש איז א בעטלער!

"המכיר את קונו!"

'לנוכח' דיין פראבלעם..

רעדן און רעדן..

זה השער לה'!

א' ברסלבער – דער אויבערשטער איז דא!



הערות והארות ניתן לפנות לטל' 0534159773

© כל הזכויות שמורות

כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות

בירושלים 05331.93747  בבי"ש 05341.52325

לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי בטל' 037630585  שלוחה 6491 1<

ניתן להאזין לשיעור בטל' 0723323796 4<7 8<

גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765



להשתתפות בהוצאת הקונטרס ולקיחת חלק בזיכוי הרבים בעת שמחתכם או לזכרון יקיריכם נא לפנות לטל' 0534159773

# ויצא יצחק לשוח בשדה

### עצת ההתבודדות וענין השיחה התמידית עם השי"ת

[שיחה שנמסרה בחבורת הבחורים – ד' תולדות תשפ"ד]

## 'שיחה' בינו לבין קונו

ביים רבי'ן איז דאך די עצה פון "התבודדות" דער עיקר עצה, דער עיקר עצה פון אלע עצות; "**עצת העצות**[א]" - ס'איז כולל אלע עצות. סיי ס'איז די גרעסטע עצה, און סיי אז (בי') אלע עצות דארף מען אנקומען צו דעם, אלע עצות זענען א חלק פון דעם.

ר' נתן רעדט ארום דא[ב] - ער רעדט וועגן התבודדות - אז דער עיקר מקור פון התבודדות וואס מיר האבן, איז וואס ס'שטייט אין די תורה "**וַיֵּצֵא יִצְחָק**

---

**א.** ראה בהשתפכות הנפש בהקדמה: וְאָמַר, שֶׁהַתְּפִלָּה הוּא **עֵצָה כְּלָלִית וְשֹׁרֶשׁ לְכָל הָעֵצוֹת** הַמּוּבָאִים בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים. (וראה בהל' תערובות ה, ד.) ובליקו"מ תורה כ"ה תנינא: וְהַנְהָגָה זוֹ {של ההתבודדות} הִיא גְּדוֹלָה בְּמַעֲלָה מְאד מְאד וְהוּא דֶּרֶךְ וְעֵצָה טוֹבָה מְאד לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ כִּי זאת הִיא **עֵצָה כְּלָלִית** שֶׁכּוֹלֵל הַכּל וכו'. ובשיחות הר"ן קפ"ה: גַּם זֹאת הָיְתָה **הַנְהָגָה כְּלָלִית** שֶׁהִזְהִיר אֶת כָּל אֶחָד וְאֶחָד. דְּהַיְנוּ לְהִתְבּוֹדֵד בְּכָל יוֹם וִיפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וכו' וְשִׂיחָה זוֹ תִּהְיֶה בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז שֶׁמְּדַבְּרִים בּוֹ וְכוּ'.

**ב.** ליקו"ה מתנה ה', שכל השיחה סובב והולך עפ"י דברי מוהרנ"ת בהלכה זו,

**לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה**[ג]" - דאס איז דער מקור אין די תורה וואס ס'שטייט (דארטן) די זאך פון "שיחה בינו לבין קונו", אז א מענטש קען זיך אויסשמועסן מיטן רבוש"ע.

זאך אויסשמועסן - דאס איז דאך דער ענין פון התבודדות. ס'איז דא די תפילה וואס חז"ל האבן מתקן געווען, די ג' תפילות ביום, תפילות הקבועות - אבער ס'איז דא א עקסטערע נקודה אין תפילה, וואס די נקודה? די נקודה וואס א מענטש דארף זאך אויסשמועסן - וואס דאס ווערט אנגערופן "שיחה", שיחה בינו לבין קונו אזוי ווי מ'שמועסט זאך אויס מיט א (אמת'ן גוטן) חבר[ד].

ס'איז דא תפילה, א מענטש איז מתפלל, ער בעט. ס'איז דא ער שרייט, ס'איז דא קרעכצען - ס'איז דא אסאך נקודות אין תפילה, אסאך שערים אין תפילה איז דא[ה]. אבער ס'איז דא א עקסטערע נקודה אין תפילה וואס אויף דעם האט דער רבי געלייגט דעם גרויסן דָגֵש - די נקודה וואס תפילה ווערט אנגערופן "**שיחה**" אזוי ווי ס'שטייט דא "ויצא יצחק לשוח בשדה" - **'לשוח'**; שמועסן אזוי ווי צוויי מענטשן.

---

**ג.** בראשית כ"ד, ס"ג. ובב"ר ס, יד: וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב - אֵין שִׂיחָה אֶלָּא תְּפִלָּה, שֶׁנֶּאֱמַר תְּפִלָּה לְעָנִי כִי יַעֲטֹף וְלִפְנֵי ה' יִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ, וְכֵן הוּא אוֹמֵר עֶרֶב וָבֹקֶר וְצָהֳרַיִם אָשִׂיחָה וגו'. ובברכות דף כ"ו ע"ב: יצחק תקן תפלת מנחה שנאמר "וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב" ואין שיחה אלא תפלה שנאמר "תְּפִלָּה לְעָנִי כִי יַעֲטֹף וְלִפְנֵי ה' יִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ".

**ד.** ראה בהקדמת השתפכות הנפש מה שאמר רביה"ק למוהרנ"ת בתחילת התקרבותו: **"און וַייטֶער אִיז זֵעהֶר גִּיט אַז מֶען רֶעט זִיךְ אוֹיס דָּאס הַארְץ פַּאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַזוֹ וִיא פַּאר אֵיין אֶמֶתְן גוּטְן פְרַיינְד"**. (ראה כל הסיפור באריכות בכוכבי אור אנשי מוהר"ן אות ד'). וראה בטעם זקנים קונטרס נ"ד עמ' 11: **"דער עיקר התבודדות איז דער פשט: אלצדינג דערציילן השי"ת! אשפוך לפניו שיחי; אלעס אויסרעדן פאר השי"ת** - "ווי אזוי האב איך היינט געדאוונט", "וויאזוי האב איך היינט געגעסן", האב איך געהאט א בלבול אינמיטן דאווענען - אלעס דערציילן אזוי ווי פאר אן אמת'ן גוטן פריינד, דאס איז דער אמת'ער התבודדות! - אשפוך לפניו שיחי, אלעס דערציילן פאר אים!

**ה.** עשרה לשונות של תפילה וכו' (ילקוט שמעוני ואתחנן).

וואס הייסט שמועסן? וואס הייסט מ'שמועסט? - צוויי מענטשן; ס'איז דא צווישן זיי עפעס א געוויסע פירוד, א געוויסע זאך וואס מ'פארשטייט זאך נישט איינער דעם צווייטן – וואס טוט מען? שמועסט מען זאך אויס.. אויסשמועסן מאכט אלעמאל קלאר זאכן. וואו ס'איז דא עפעס א בלבול, עפעס א זאך, א שוועריגקייט - מ'שמועסט עס אויס ווערט עס ליכטיג. דער כח פון שמועסן, פון 'שיחה' - ס'האט א כח צו ממתיק זיין די שווערסטע פראבלעמען, יעדע זאך אז מ'שמועסט עס אדורך ווערט עס נמתק.

## 'דינא קדישא' און 'דינא דמסאבא'

מיר ווייסן דאך אז פון די שלשה אבות איז יצחק אבינו דאך דער ענין פון גבורות, "פחד יצחק" - איז אין תורה ע"ד זאגט דער רבי: אז יצחק אבינו איז "**דינא קדישא**[ז]". וואס הייסט דינא קדישא? דינא קדישא הייסט אז "**אין בו ביטול תפילה**".

דער רבי זאגט דארט: "**הנה יש שני מיני דינים, כי יש דינא דמסאבא ויש דינא קדישא**". ס'איז דאך דא דינים (אזוי פירט דער אויבערשטער די וועלט, אזוי ווי מ'וועט שפעטער זעהן) - איז ווען די דינים איז גורם פאר א מענטש אז צוליב די

**ז.** ראה שם בארוכה כל התורה. ונסכם בקצרה את הנוגע כאן לעניננו:

**א.** יש שני מיני דינים דינא קדישא ודינא דמסאבא. ודינא קדישא הוא בחי' התרחקות תכלית ההתקרבות, בבחי' את אשר יאהב ה' יוכיח שהם רק באים לטובתו וכו' ע"י שימתיקם דייקא עי"ז יתקרב ודין כזה הוא בחי' יסורין של אהבה ואין בו ביטול תפילה.

**ב.** יצחק הוא בחי' דין וגבורה פחד יצחק, והוא נולד מאברהם, כי תכלית הדין הוא רחמים וחסדים רק שנאחזים בו כוחות הרע והסט"א. ומיצחק נשתלשל יעקב ועשו, יעקב הוא בחי' דינא קדישא דין של התרחקות תחילת ההתקרבות וכו'. ועשו הוא הדינא דמסאבא, הסיגים והפסולת הגמור שמשתלשל ויורד מהדין.

דינים ווערט ער מיואש, ער ווערט דערווייטערט - דאס רופט זאך **"דינא דמסאבא"**, אז פון די דין איז געווארן א ריחוק, ער איז נתרחק געווארן פון אייבערשטן - איז דאס א דין פון טומאה, א דין וואס די סטרא אחרא איז נאחז געווארן אין דעם דין.

אזא דין (דינא דמסאבא) דאס איז אזוי ווי עשיו, עשיו איז ארויסגעקומען פון יצחק'ן. פון יצחק איז ארויסגעקומען עשיו מיט יעקב; יעקב איז בחיר שבאבות, און עשיו איז תכלית הרשעות, דער שר של אדום, דער ראש פון אלע, פון די גאנצע סטרא אחרא, דער ס"מ ממש. וואס איז דער חילוק? (ביידע קומען דאך פון יצחק..) - דער חילוק איז, אז ס'איז דא דינים; אויב פון די דינים ווערט פון דעם תפילות, ווערט פון דעם יעקב; קומט ארויס פון דעם די גרעסטע קדושה, די קדושה פון יעקב. און ווען ס'איז נישטא קיין תפילות פון דעם, מ'לאזט די דינים אזוי.. - ווערט פון דעם אזא סארט התרחקות ביז ס'ווערט פון דעם, השם ירחם ס'ווערט פון דעם עשיו.

און דער רבי האט אונז דאס געלערנט - אז יעדער איד שטייט אין די בחינה, צו זוכה זיין צו קדושת ישראל (יעקב) און זיך ראטעווען פון די נפילה פון עשיו; וואס ביידע זענען קינדער פון יצחק'ן, וואס יצחק אבינו, דער דין - דינא דקדושה, דינא קדישא.

[א הסבר אויף די מידה פון דין:] דער אויבערשטער פירט די וועלט, פירט דער אויבערשטער א גאנצע צייט מיט 'משפט', מיט דין; מ'קען נישט טאן וואס מ'וויל! אבער דער דין וואס דער אויבערשטער פירט מיט א מענטשן דארף א גאנצע צייט זיין אויף א אופן, אז אלע דינים וואס דער אויבערשטער פירט מיט אים זאל ער מאכן פון דעם שמועסן צום אייבערשטן (און אזוי עס ממתיק זיין).

## מיין קינד, רעד צום מיר!

דערפאר האט דער רבי אונז געלערנט: "**התבודדות היא מעלה גדולה ועליונה מן הכל**"[ז] - די גרעסטע זאך וואס ברענגט צו א מענטשן, מקטן ועד גדול אי אפשר להיות איש כשר אָן התבודדות, דאס איז די גרעסטע זאך! דער גרעסטער שביל צו אנקומען צו וואו מ'דארף אנקומען איז דורך התבודדות.

ווייל וואס איז דאס התבודדות? - התבודדות איז דער פשט, אז דער מענטש נעמט די אלע ריחוקים (דינים) און איז עס מהפך פאר תפילות (המתקה). ער לאזט נישט קיין שום ריחוק זאל בלייבן א ריחוק אזוי.. (אָן המתקה / תפילה).

דערפאר האט דער רבי אזויפיל גערעדט התחזקות און געשריגן "קיין יאוש איז גארנישט פארהאנדן[ח]" און די אלע אזהרות וואס דער רבי האט אנגעזאגט אזוי שטארק צו זיין פריילאך און זאך נישט מייאש זיין - דער עיקר פון דעם מיינט דער רבי אז מען זאל זאך נישט מייאש זיין פון תפילה[ט].

---

**ז.** ליקו"מ תורה כ"ה תנינא

**ח.** ליקו"מ תנינא תורה ע"ח ובשיהר"ן קנ"ג ובעל"ת מכתב ד"ש וש"י.

**ט.** ראה ליקו"ה תפילת המנחה ז, מ"ד: וְהוּא סוֹד שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְהַשִּׂיג עַד הֵיכָן רַחֲמָיו מַגִּיעִים **כָּל זְמַן שֶׁאֵינוֹ מִתְיָאֵשׁ עַצְמוֹ מֵהַצְּעָקָה וּתְפִלָּה** כְּמוֹ שֶׁגִּלָּה אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּהַשִּׂיחָה הַנִּזְכֶּרֶת לְעֵיל הַמּוּבָאָה לְעֵיל ( ) עַיֵּן שָׁם הֵיטֵב. ובהל' נדרים ד, כ"ז: כִּי שָׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ זַ"ל שִׂיחָה נוֹרָאָה מִנּוֹרְאוֹת גְּדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֲרָהּ בִּכְתָב. אַךְ אַחַר כָּךְ בְּתוֹךְ שִׂיחָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה מִגְּדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ נִכְנַס עַל-יְדֵי-זֶה לְדִבְרֵי הִתְחַזְּקוּת לְחַזֵּק אֶת כָּל אֶחָד וְאֶחָד שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדָתָם אֲפִלּוּ אִם נָפְלוּ לְמָקוֹם שֶׁנָּפְלוּ כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְפִי נְפִילָתוֹ לְהֵיכָן שֶׁנָּפַל רַחֲמָנָא לִצְלַן, כִּי גְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁגָּבְהָ מְאֹד לְמַעְלָה מֵהַתּוֹרָה שֶׁשָּׁם יָכוֹל הַכֹּל לְהִתְתַּקֵּן וְכוּ', כִּי תְּשׁוּבָה לְמַעְלָה מֵהַתּוֹרָה. וְשָׁאַלְתִּי אוֹתוֹ, **אֲבָל אֵיךְ זוֹכִין לָזֶה?** וְהֵשִׁיב, **יְכוֹלִין לָבֹא לָזֶה וּבִלְבַד שֶׁלֹּא יִתְיָאֲשׁוּ עַצְמָן מִן הַצְּעָקָה וּמִתְּפִלָּה וּבַקָּשָׁה רַק לַעֲסֹק בִּצְעָקָה וּתְפִלָּה וּתְחִנָּה וְכוּ'**.

ווייל אין תפילה, אין תפילה דארט ליגט די ישועה! א מענטש חס ושלום אז ער איז זאך מייאש פון תפילה (ביטול תפילה), ווערט פון דעם רח"ל 'דינא דמסאבא'.

און א מענטש אז ער גיבט זאך אכטונג, ער פאלגט די אזהרה וואס דער רבי האט אנגעזאגט בשום אופן זאך נישט מייאש זיין און וויסן אז מ'דארף מתפלל זיין. אזוי ווי ס'שטייט ביי יצחק אבינו "ויעתר יצחק", "שפך תפילות בעושר". ס'דארף זיין 'שפך תפילות בעושר'; **מ'דארף גיסן תפילות, גיסן תפילות!** (נאר אזוי איז מען ממתיק דעם דין).

דאס האט אונז דער רבי געלערנט: אז דו זעסט מידת הדין, זאלסטו זאך נישט אפשטעלן - זאלסט גיסן תפילות בעושר. גיסן; מתפלל זיין און בעטן, בעטן און בעטן און נישט אויפהערן צו בעטן און מרבה זיין בתפילה. חז"ל זאגן[י]: **"מכאן שהמרבה בתפילה נענה"** - א מענטש איז מרבה בתפילה מוז ער נענה ווערן.

און דווקא מתפלל זיין - דווקא אין די אלע זאכן וואס איז דא, וואס א מענטש האט שוועריגקייטן דארטן, זאל ער נישט זאגן: "עה, וואס קען מען טאן? די זאך איז א פארפאלענע זאך, ס'איז א לאחר יאוש. מידת הדין; דער אויבערשטער איז גערעכט"..

**דער אויבערשטער זוכט נישט צו זיין גערעכט!**

**דער אויבערשטער זוכט אז דו זאלסט מתפלל זיין!!**

ס'איז ידוע, אזוי שטייט[יא]: אז די מדת הדין ווערט אנגערופן **"צדק"**, אין צדק איז דא אחיזת הדינים - אבער בשעת ווען מ'איז עס ממתיק ווערט עס

---

**י.** מדרש שוח"ט שמואל ובירושלמי ברכות עמ' פד ה"א.

**יא.** ראה בתורה ע"ד: וְעִקַּר הַדִּין הוּא, כְּשֶׁהוּא בִּבְחִינַת מֹחִין דְּקַטְנוּת שֶׁאָז נִקְרֵאת {מידת} הַמַּלְכוּת צֶדֶק כַּיָּדוּעַ כִּי צֶדֶק מַלְכוּתָא קַדִּישָׁא וכו' וְאָז כְּשֶׁהַמַּלְכוּת הִיא בִּבְחִינַת צֶדֶק אָז הוּא בְּחִינַת מֹחִין דְּקַטְנוּת, בְּחִינַת דִּינִים שֶׁמִּשָּׁם נִמְשָׁךְ הַדִּין שֶׁל יִצְחָק שֶׁהוּא בְּחִינַת חֹשֶׁךְ וכו' וְצָרִיךְ כָּל אָדָם לֵילֵךְ מִקַּטְנוּת לְגַדְלוּת וּלְהַמְתִּיק הַדִּין וכו'. וְאָז נַעֲשֶׂה מִצֶּדֶק צְדָקָה, בְּחִינַת שֶׁמֶשׁ צְדָקָה וּמַרְפֵּא, כִּי

**"אמונה"**, דעמאלטס ווערט די מדה פון צדק (מדת הדין) אנגערופן אמונה (המתקת הדין). ווייל ס'איז טאקע מידת הדין, אבער ס'דארף נמתק ווערן, ס'דארף נמתק ווערן אויף תפילות. די גאנצע התרחקות דארף ווערן נאר אויף התקרבות[יב]; אדרבא, כדי צו מרבה זיין בתפילה.

מ'זאגט, ס'איז דא א גרינגער דין און ס'איז דא א שווערער דין - וואס הייסט א שווערער דין? א שווערער דין הייסט אז מ'דארף מערער תפילות! גאר א שווערער דין, דארף גאר אסאך תפילות. דער מידה (די מאס שווערקייט) פון א דין - איז וויפל תפילות מ'דארף (צו עס ממתיק זיין).

אבער ס'נישטא אַזאַ זאך אז א 'דין' איז געמאכט געווארן אויף צו בלייבן א 'דין', נישטא אזא זאך! דאס איז דער טעות פון עשיו, עשיו האט געזאגט **"הִנֵּה אָנֹכִי הוֹלֵךְ לָמוּת וְלָמָּה זֶּה לִי בְּכֹרָה"**[יג] - סיי ווי גייט פון מיר גארנישט בלייבן, **נעם זאך די בכורה און געענדיגט..**

---

כְּשֶׁהַמַּלְכוּת בִּבְחִינַת דִּין, נִקְרֵאת צֶדֶק וּכְשֶׁמַּמְתִּיקִין אוֹתָהּ עַל יְדֵי בְּחִינַת יַעֲקֹב, אֲזַי הִיא בִּבְחִינַת צְדָקָה וכו'.

והכלל היוצא לענינינו, שהדינים היוצאים ממידת המלכות נקראים צדק וכאשר ממתיקים אותם נקראים צדק"ה. וכאן הוא משלים ענין זה עם הידוע בדברי רביה"ק במקומות אחרים בליקו"מ (תורה ז, כ"ג ועוד) ומקור הדברים בזוהר בלק דף קצ"ח ע"ב, והיוצא משם לענינינו שכאשר ממתיקים את ה'דינא דמלכותא' בחי' צדק ע"י אמת [משפט, רחמים, תפארת] אזי איתקראת אמונה, שזה בחי' המתקת הדין וכו' וכלשונו של הזוהר "כְּדֵין אִתְבְּסָם (כלא), וְיַכְלִין בְּנֵי עָלְמָא, לְמִסְבַּל דִּינָא דְּצֶדֶק", עיי"ש.

**יב.** ראה שם בתורה ע"ד: וְזֶהוּ בְּחִינַת הִתְרַחֲקוּת שֶׁהוּא הַתְחָלַת הַהִתְקָרְבוּת כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, כָּל הַמַּצְדִּיק אֶת עַצְמוֹ מִלְּמַטָּה מַצְדִּיקִים עָלָיו אֶת הַדִּין מִלְּמַעְלָה דְּהַיְנוּ כְּשֶׁאָדָם רוֹצֶה לְהַצְדִּיק אֶת עַצְמוֹ וּלְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֲזַי מַצְדִּיקִים עָלָיו אֶת הַדִּין דְּהַיְנוּ שֶׁנִּמְשָׁכִים עָלָיו דִּינִים וְיִסּוּרִים וְאֵלּוּ הַדִּינִים וְהַיִּסּוּרִים הֵם נִרְאִין כְּהִתְרַחֲקוּת כְּאִלּוּ רוֹצִים לְהַרְחִיקוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ, חַס וְשָׁלוֹם וּבֶאֱמֶת זֶה הַהִתְרַחֲקוּת הוּא עִקַּר הַהִתְקָרְבוּת **כִּי אֵלּוּ הַדִּינִים וְהַהִתְרַחֲקוּת הֵם לְטוֹבָתוֹ, בְּחִינַת "אֶת אֲשֶׁר יֶאֱהַב ה יוֹכִיחַ" כְּדֵי שֶׁיַּעֲמֹד בַּנִּסָּיוֹן הַזֶּה, וְיִתְגַּבֵּר וְיִתְאַמֵּץ לְהִתְקָרֵב יוֹתֵר.**

**יג.** בראשית כה, לב. וכתב רש"י

## 'עשיו' איז זיך מייאש..

דאס איז די וועג פון עשיו'ן - עשיו איז ארייגעפאלן אין א גרויסער יאוש, ס'שטייט אז ביי די בר מצוה זיינע איז אברהם אבינו נסתלק געווארן, האט ער געזאגט, "**בזקן זה פגעה מדת הדין**[יד]" - אויב אברהם אבינו איז נסתלק געווארן?! "למה זה לי בכורה" (- פארוואס דארף איך די גאנצע מעשה דא?!), האט ער כופר געווען און ארויס לתרבות רעה רח"ל[טו].

דער גאנצער 'עשיו' איז געווארן נאר פון דעם יאוש[טז] - ער האט געזען די מדת הדין, איז געענדיגט; מ'קען נישט יוצא זיין מדת הדין. ביים אנהויב האט ער פראבירט מחמיר זיין, "**איך מעשרין את התבן ואת המלח**[יז]" - אפשר

---

**יד.** ב"ר ס"ג, יא: וַיָּזֶד יַעֲקֹב נָזִיד, אָמַר לוֹ {עשו}, מַה טִּיבוֹ שֶׁל נָזִיד זֶה. אָמַר לוֹ {יעקב}, שֶׁמֵּת אוֹתוֹ זָקֵן {אברהם}. אָמַר, בְּאוֹתוֹ הַזָּקֵן פָּגְעָה מִדַּת הַדִּין, אָמַר לוֹ, הֵן. אָמַר {עשו}, אִם כֵּן לֹא מַתַּן שָׂכָר וְלֹא תְּחִיַּת הַמֵּתִים. [וראה ליקו"ה הודאה ו, י"ח בביאור מדרש זה]

**טו.** שם י"ד.

**טז.** ראה שם באות ל"ז, ל"ח: וְזֶה שֶׁשָּׁאַל עֵשָׂו, אַבָּא, אֵיךְ מְעַשְּׂרִין אֶת הַתֶּבֶן וְאֶת הַמֶּלַח? שֶׁרִמָּה אֶת אָבִיו בָּזֶה, כִּי הֶרְאָה עַצְמוֹ שֶׁמְּדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּכָל מִצְוָה לַעֲשׂוֹתָהּ בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת, כִּי מִשָּׁם הָיָה אֲחִיזָתוֹ מִפְּגַם רִבּוּי הַחֻמְרוֹת הַיְתֵרוֹת וְכַמּוּבָא בִּדְבָרֵינוּ בְּמָקוֹם אַחֵר מִזֶּה שֶׁחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת הֵם גַּם כֵּן פְּגַם גָּדוֹל, עַיֵּן שָׁם. [..] וּלְבָאֵר הַדָּבָר יוֹתֵר קְצָת שֶׁיִּהְיֶה מוּבָן מִזֶּה לַמַּשְׂכִּיל רְמָזִים וְעֵצוֹת לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ ה' הוּא, כִּי בְּוַדַּאי אִי אֶפְשָׁר לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ צְדָקָה וְחֶסֶד חִנָּם לְבַד שֶׁאִם כֵּן לֹא יַעֲשֶׂה כְּלוּם חַס וְשָׁלוֹם. אֲבָל גַּם לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ מִשְׁפָּט לְבַד גַּם כֵּן הוּא פְּגַם גָּדוֹל, כִּי אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם עַל פִּי הַדִּין לְבַד כַּנַּ"ל וּכְמוֹ שֶׁשְּׁכִיחַ הַרְבֵּה שֶׁכַּמָּה וְכַמָּה נָפְלוּ וְנִתְרַחֲקוּ מֵה' יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי רִבּוּי הַמִּשְׁפָּט וְהַדִּין יוֹתֵר מִדַּאי, שֶׁהֶחְמִירוּ עַל עַצְמָן הַרְבֵּה עַד שֶׁאוֹמְרִים בְּלִבָּם שֶׁאָפֵס תִּקְוָתָם מֵחֲמַת רִבּוּי עֲוֹנוֹתֵיהֶם וְקִלְקוּלָם וּפְגָמֵיהֶם הָעֲצוּמִים וְהָרַבִּים כְּחוֹל יַמִּים. וְאִם כִּי אֱמֶת שֶׁפָּגְמוּ וְקִלְקְלוּ הַרְבֵּה, **אַף עַל פִּי כֵן הֵם צְרִיכִין לִבְטֹחַ בְּחַסְדֵי ה' וְצִדְקָתוֹ וּבְרַחֲמָיו שֶׁאֵינָם כָּלִים לְעוֹלָם שֶׁעֲדַיִן עֲדַיִן יֵשׁ תִּקְוָה** בְּכָל פַּעַם בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה כָּל יְמֵי חַיָּיו אֲפִלּוּ אִם הוּא כְּמוֹ שֶׁהוּא כִּי חַסְדֵי ה' לֹא תָמְנוּ וְכוּ'. [..] **נִמְצָא שֶׁפְּגַם אֵלּוּ הַנּוֹפְלִים מֵחֲמַת רִבּוּי הַמִּשְׁפָּט וְהַדִּין כַּנַּ"ל זֶה נִמְשָׁךְ מִבְּחִינַת קְלִפַּת עֵשָׂו** וְכַנַּ"ל.

**יז.** רש"י בראשית כ"ה, כ"ז.

קען מען מיט חומרות, אבער ער האט געזעהן מ'קען (דא) נישט יוצא זיין, האט ער געזאגט 'א גוטן טאג' און געענדיגט.

דאס איז (וואס ווערט) בשעת מ'נעמט דעם דין חס ושלום אָן א תקוה, אויף צו נתרחק ווערן. אבער יעקב אבינו איז פארקערט; יעקב אבינו איז אריבערגעגאנגען, יעקב אבינו איז אריבער א שווערער לעבן (דינים), אבער ער האט זאך נישט מייאש געווען - האט ער אויפגעשטעלט כלל ישראל!

עכ"פ אבער דער יסוד האט זאך אנגעהויבן פון יצחק - דער זאך פון זאך אויסשמועסן, זאך אויסשמועסן. ר' נתן איז מסביר[יח] – וויבאלד אז יצחק אבינו איז מדת הדין, האט ער געדארפט אסאך ניצן די זאך פון שיחה; זאך אויסשמועסן, אויסשמועסן, ממתיק זיין. ממתיק זיין דעם דין - מ'דארף אסאך ממתיק זיין דעם דין.

## א מענטש איז א בעטלער!

דער רבי האט געלערנט[יט] אז מ'דארף זיצן און זיך אויסשמועסן פארן אייבערשטן: "רבש"ע, וועגן דעם האסטו מיר באשאפן, ס'זאל פון מיר גארנישט ווערן? וועגן וואס האסטו מיר געגעבן היינט א טאג, זאל דער טאג גיין לאיבוד?!"

**יח.** ראה שם באות מ"ג: וְעַל כֵּן כָּל מַה שֶּׁרוֹאֶה הָאָדָם שֶׁהַדִּינִים שֶׁהֵם בְּחִינַת הִתְגַּבְּרוּת הַיֵּצֶר מִתְגַּבֵּר עָלָיו בְּיוֹתֵר הוּא דַּיְקָא צָרִיךְ לְהִתְגַּבֵּר לְהַרְבּוֹת וּלְהַפְצִיר בִּתְפִלָּה וְעֶתֶר יוֹתֵר וְיוֹתֵר כְּדֵי לְהַמְתִּיק וּלְבַטֵּל תֹּקֶף הַדִּינִים וְכוּ' וְכַנַּ"ל, וְעַל כֵּן עִקַּר הַהִתְבּוֹדְדוּת שֶׁהוּא בְּחִינַת שִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ נֶאֱמַר אֵצֶל יִצְחָק בְּיוֹתֵר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה, **כִּי עִקַּר הַשִּׂיחָה וְהַהִתְבּוֹדְדוּת הוּא לְהַמְתִּיק בְּחִינַת מִשְׁפָּט וְהַדִּין שֶׁל יִצְחָק** וְכַנַּ"ל:

**יט.** חיי"מ רל"ט: עוֹד שָׁמַעְתִּי מִמֶּנּוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁפַּעַם אַחַת שָׁאַל אוֹתוֹ אֶחָד מִבְּנֵי הַנְּעוּרִים הַקְּטַנִּים אֵיךְ לְהִתְבּוֹדֵד, וְלִמֵּד אוֹתוֹ לוֹמַר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם רַחֵם עָלַי וְכוּ' כִּי הֲיִתָּכֵן שֶׁיַּעַבְרוּ יָמַי בְּהֶבֶל כָּזֶה וְכִי בִּשְׁבִיל כָּךְ נוֹצַרְתִּי וּבִלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז **"כִּי הֲיִתָּכֵן אַז סֶע זָאל מִיר אַזוֹי אַוֶועק גֶעהִין דִיא וֶועלְט בִּין אִיךְ דֶען פוּן דֶעסְט וֶועגִין בַּאשַׁאפֶען גִיוָוארְן"** וְכוּ'.

"טאקע, טאקע גיבסט מיר ריחוקים, אבער די ריחוקים מיינט התרחקות? - האסטו מיר געגעבן די ריחוקים כדי איך זאל נתרחק ווערן, אדער כדי איך זאל מער נתקרב ווערן צו דיר דורך דעם; איך זאל מער בענקען, מער מתפלל זיין, מער זאך מתגבר זיין.. - איז העלף מיר אז **די אלע 'ריחוקים' זאל ברענגען 'קירובים'.**"

דאס הייסט אז מ'שמועסט עס אויס, מ'שמועסט אויס. יעדער זאך אז מ'שמועסט עס אויס קומט מען אן צו דעם עומק פון דעם. מ'שמועסט אויס, (זעהט מען) אז דער עומק פון יעדער דין איז א קירוב. דער עומק פון יעדער ריחוק איז א קירוב[כ].

ווער ס'שמועסט (זיך) אויס קומט אָן צו דעם, ער קומט אן צו דעם אז אלע ריחוקים זאלן ווערן קירובים. אלע ריחוקים - ער שמועסט אויס, ער שמועסט אויס פארן אויבערשטן אלע מיני סארטן ריחוקים - און ער מאכט פון דעם קירובים.

ער רעדט עס אויס צום אויבערשטן, ער זאגט: "רבש"ע, די גאנצע בריאה איז דאך 'תכלית החסד!'" - די גאנצע בריאה וואס דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט איז דאך כדי צו טאן חסדים מיט טובות פאר אונז, נאר צו טאן חסדים מיט טובות. דער רבש"ע האט נישט געוואלט אונז מרחק זיין, דער רבש"ע האט געוואלט אונז נאר מקרב זיין - די גאנצע מדת הדין (און אלא פראבלעמען) וואס ער האט געמאכט איז כדי, אדרבא; אז דורך די מדת הדין זאל מען זיך דארפן ניצן מיט תפילות[כא].

---

**כ.** כנ"ל מתורה ע"ד, וראה גם בתורה קט"ו ובתורה מ"ח תניינא.

**כא.** ראה מד"ר בראשית מ"ה, ד': לָמָּה נִתְעַקְּרוּ הָאִמָּהוֹת, שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְאַוֶּה לִתְפִלָּתָן וּמִתְאַוֶּה לְשִׂיחָתָן, שֶׁנֶּאֱמַר "יוֹנָתִי בְּחַגְוֵי הַסֶּלַע", יוֹנָתִי בְּחַגְוֵי, לָמָּה עִקַּרְתִּי אֶתְכֶם, בִּשְׁבִיל "הַרְאִינִי אֶת מַרְאַיִךְ הַשְׁמִיעִנִי אֶת קוֹלֵךְ". והביא הענף יוסף בשם ספר "כד הקמח" (לרבינו בחיי) על דברי המדרש אלו: מוכח זה מדכתיב ויעתר יצחק לה' וגו' כי עקרה היא. דמהראוי היה להקדים הסיבה היינו העקרות שבשבילה באה התפילה {דהו"ל לכתוב ולהודיע לנו קודם שרבקה הייתה עקרה ורק אח"כ ויעתר יצחק לה'}. ע"כ זה מורה כי אין העקרות עיקר הסיבה אלא התפילה, ולא בא העקרות אלא בשביל שתבוא התפילה, ולכך הקדים העיקר ותהחיל בתפילה.

דאס האט דער אויבערשטער געוואלט, ס'זאל באשאפן ווערן אזא סארט בריה וואס ער בעט און ער בעט און ער האלט אין איין בעטן. דאס איז דער אמת'ער צורה, די ריכטיגע צורה פון א מענטשן איז אז ער בעט - צו דעם איז א מענטש באשאפן געווארן.

שטייט אין בבא קמא אז "**מבעה זה אדם**[כב]" - וואס איז דער מענטש, דער מענטש איז א 'מבעה'! מ'לערנט עס ארויס פון פסוק "**אִם תִּבְעָיוּן בְּעָיוּ**" - א מענטש איז א **בעטלער**[כג], ער בעט. **וואס איז דער הגדרה פון א מענטשן? ער בעט!** - דאס איז די הגדרה פון א מענטש. די הגדרה פון א מענטש, איז אז ער בעט דעם אייבערשטן.

די הגדרה פון א מענטש איז א '**מדבר**'; ער רעדט, ער רעדט, ער רעדט. מ'לערנט דיר אויס: צו וואס האט מען דיר געגעבן א מויל? - צו רעדן! צו וואס האט מען דיר געמאכט א מענטש, כדי זאלסט האבן א מויל און זאלסט רעדן. צו וועמען זאלסטו רעדן? לעצים ולאבנים, אדער מיט מענטשן וואס זענען אזוי ווי עצים ואבנים?! - דער עיקר וואס מ'רעדט, רעד צום אויבערשטן, דער עיקר דיבור איז רעדן צום אויבערשטן[כד].

וויפל א מענטש האט זיך אויסגעלערנט רעדן צום אויבערשטן, האט ער א דיבור. א מענטש וואס ער קען רעדן מיט מענטשן און ער קען נישט רעדן

---

**כב.** בבא קמא דף ג ע"ב.

**כג.** ראה שיש"ק ג' תת"ה: שָׁמַעְתִּי שֶׁרָמַז רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ-לִבְרָכָה בְּמַה שֶּׁקָּרָא אוֹתָם בְּשֵׁם "**בֶּעטְלֶערְס**", אֲשֶׁר לֹא זָכוּ הַצַּדִּיקִים הַנּוֹרָאִים הָאֵלֶּה לְהַשָּׂגַת הַנִּפְלָאוֹת הָאֵלֶּה, רַק עַל יְדֵי שֶׁהָיוּ בֶּעטְלֶערְס {כי בשפת האידיש 'בֶּעטְן' הוא לשון בקשה, באופן ש'בעטלערס' פירושו כביכול 'בַּקְשָׁנִים', המבקשים ומתחננים}, שֶׁהָיוּ מְבַקְשִׁים וּמִתְחַנְּנִים תָּמִיד לְהַשֵּׁם-יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, עַד שֶׁזָּכוּ לְמַדְרֵיגוֹת גְּבוֹהוֹת רָמוֹת כָּאֵלֶּה, וְכַמּוּבָא בִּדְבָרָיו זִכְרוֹנוֹ-לִבְרָכָה בְּמָקוֹם אַחֵר אֲשֶׁר כָּל הַצַּדִּיקִים לֹא בָּאוּ לְמַדְרֵיגָתָם רַק עַל-יְדֵי תְּפִלָּה, וְהַשֵּׁם-יִתְבָּרַךְ יְזַכֵּנוּ לַעֲסוֹק בִּתְפִלָּה תָּמִיד, עַד שֶׁנִּזְכֶּה לִהְיוֹת כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ וְכִרְצוֹן יְרֵאָיו הַקְּדוֹשִׁים זי"ע, אָמֵן. (רמזי המעשות מעשה י"ג).

**כד.** ראה ליקו"ה שבת ז, מג.

מיטן אויבערשטן – איז ער נישט קיין מענטש.. ער האט גאר א קליין חלק פון כח הדיבור.

א מענטש וואס קען נישט רעדן צום אויבערשטן, איז אזוי ווי מען זעט אסאך מאל א גרויסער מענטש מיט א לאנגע ווייסע בארד, און אוואו ער קומט רעדט ער מיט די קליינע אינגאלאך, - ער קען נאר רעדן מיט קליינע אינגאלאך, מיט גרויסע מענטשן קען ער נישט רעדן, עס איז צו א הויכע רמה פאר אים.. ער רעדט נאר מיט קליינע קינדער; ער קומט מיט די קליינע קינדער, ער חבר'ט זיך מיט זיי, שפילט זיך מיט זיי, קריגט זיך מיט זיי - דאס הייסט אז ער האט א נידריגן דיבור.

אזוי איז א מענטש; אז ער האט א דיבור וואס ער קען רעדן מיט 'אנשים בדומה לו', אבער ער קען נישט רעדן; ער קען נישט רעדן מיט העכער'ס, ער קען נישט רעדן מיטן אויבערשטן - האט ער נישט דעם דיבור!

דער עיקר דיבור איז געגעבן געווארן זאלסט קענען רעדן מיטן אויבערשטן; קענסטו נישט רעדן מיטן אויבערשטן?! – צו דער אויבערשטער דארפסטו די מערסטע אנקומען, דער אויבערשטער קען דיר געבן אלעס.. דער עיקר דיבור דארף זיין צווישן דיר מיט אים, דער עיקר דיבור וואס מאכט פעולות איז דער דיבור צווישן דיר מיטן אויבערשטן - **איז דעם דיבור האסטו זיך נישט אויסגעלערנט?!**

דרייט זיך ארום א מענטש אויף דער וועלט יארן יארן, און ער האט זיך נישט אויסגעלערנט צו רעדן מיטן אויבערשטן - איז ער אזוי ווי איינער וואס רעדט מיט קליינע אינגלאך.. ער האט נישט קיין שכל, ער רעדט, ער רעדט סתם דיבורים - ס'הייסט אבער נישט קיין דיבור. דער אמת'ער דיבור איז ווען א מענטש רעדט צום אויבערשטן, דאס הייסט ער רעדט, ער רעדט, ער רעדט - ער רעדט!

דער אויבערשטער – ס'שטייט אין ליקוטי מוהר"ן[כה] - אז דער אויבערשטער זאגט אונז "**למנצח מזמור, זמרו למי שמנצחים אותו והוא שמח**", דער אויבערשטער בעט זיך ביים מענטשן "זייט מיר מנצח!", דער רבוש"ע וואַרט, ער וואַרט מען זאל אים מנצח זיין.

דער רבוש"ע האט באשאפן די בריאה כדי מענטשן זאלן אים מנצח זיין - אז ער זאל מאכן זאכן און זיי וועלן מושל זיין אין אים[כו] - זיי וועלן בעטן בעטן און מפציר זיין און ער וועט זיי געבן. דאס איז עס, דאס הייסט א מענטש!

## "המכיר את קונו!"

א בחור האט בר מצוה, דארף ער וויסן: וואס הייסט עס געווארן א גדול?! - געווארן א גדול הייסט; אז דו הויבסט אָן רעדן מער צום אויבערשטן! פון

---

**כה.** ליקו"מ קכ"ד. ומובא גם בשיחות הר"ן ס"ט בלשון אחר קצת: "זַמְּרוּ לְמִי שֶׁמְּנַצְּחִין אוֹתוֹ וְשָׂמֵחַ" (פְּסָחִים קיט.) כִּי צְרִיכִין לְנַצֵּחַ אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ כִּבְיָכוֹל. כִּי אַף־עַל־פִּי שֶׁנִּדְמֶה לְהָאָדָם שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵינוֹ רוֹצֶה לְקָרְבוֹ מֵחֲמַת שֶׁקִּלְקֵל הַרְבֵּה, וְגַם עַכְשָׁו אֵינוֹ מִתְנַהֵג כָּרָאוּי כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, אַף־עַל־פִּי־כֵן צָרִיךְ הָאָדָם לְחַזֵּק עַצְמוֹ בְּיוֹתֵר וּלְהִשְׁתַּטֵּחַ עַצְמוֹ לְפָנָיו וְלִפְרֹשׂ כַּפָּיו אֵלָיו יִתְבָּרַךְ שֶׁיְּרַחֵם עָלָיו וִיקָרְבֵהוּ לַעֲבוֹדָתוֹ כִּי אַף־עַל־פִּי־כֵן אֲנִי רוֹצֶה לִהְיוֹת יִשְׂרְאֵלִי. נִמְצָא שֶׁרוֹצֶה לְנַצֵּחַ אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כִּבְיָכוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יֵשׁ לוֹ שִׂמְחָה מִזֶּה שֶׁמְּנַצְּחִין אוֹתוֹ כִּבְיָכוֹל.

**כו.** ראה בליקו"מ תורה ל"ד: הִנֵּה הַכְּלָל שֶׁהַמֶּמְשָׁלָה בְּיַד הַצַּדִּיק לִפְעֹל פְּעֻלּוֹת כִּרְצוֹנוֹ כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ חֲזַ"ל (מוֹעֵד קָטָן ט"ז:): "צַדִּיק מוֹשֵׁל" וְכוּ' מִי מוֹשֵׁל בִּי צַדִּיק וכו' וזהו פירוש (תְּהִלִּים קי"ד): "יִשְׂרָאֵל מַמְשְׁלוֹתָיו" וכו' הַיְנוּ מִי מוֹשֵׁל בִּי צַדִּיק, כִּי יֵשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל דָּבָר יָקָר שֶׁהוּא בְּחִינַת נְקֻדָּה מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ וכו' כִּי קֹדֶם מַתַּן תּוֹרָה הָיָה הַמֶּמְשָׁלָה בְּיַד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאַחַר מַתַּן תּוֹרָה נָתַן הַמֶּמְשָׁלָה לְיַד כָּל יִשְׂרָאֵל וכו' ולִכְאוֹרָה קָשֶׁה לָמָּה אָנוּ צְרִיכִין לִתְפִלָּה וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ מַחֲשָׁבוֹת, אֲבָל מֵחֲמַת שֶׁהַדִּבּוּר הוּא כְּלֵי הַשֶּׁפַע שֶׁבָּהֶם מְקַבְּלִין הַשֶּׁפַע וכו', הַיְנוּ לְפִי הַדִּבּוּר כֵּן הַשֶּׁפַע אִם הַדִּבּוּר הַיְנוּ הַכְּלִי הַשֶּׁפַע הוּא בִּשְׁלֵמוּת וּבִמְלוֹאָהּ אֲזַי יְכוֹלִין לְקַבֵּל בָּהֶם רַב שֶׁפַע. [..] הַיְנוּ מִי מוֹשֵׁל בִּי, הַיְנוּ שֶׁהַשֶּׁפַע הוּא לְפִי הַרְחָבַת הַפֶּה, וּלְפִי כְּלֵי הַדִּבּוּר כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ. (וראה בליקו"ה נחלות ד, ג'.

אַלץ אינגל דארף מען זיך שוין מרגיל זיין - אבער ביסט געווארן א גדול, ביסט געווארן א גדול, געווארן א בר דעת - קענסטו רעדן מיטן אויבערשטן!

ביסט ארויפגעגאנגען אין ישיבה גדולה? וועסטו מער קענען רעדן מיטן אויבערשטן. האסט חתונה? וועסטו נאך מער קענען רעדן צום אויבערשטן! - וואס מער א מענטש וואקסט מערער, דארף ער וואקסן אין דעם, ער דארף מער וואקסן און זיך אויסלערנען רעדן מער צום אויבערשטן - דאס הייסט אז ער איז געוואקסן; ער איז געווארן מער א בר דעת!

איינער וואס רעדט צום אויבערשטן היינט אזוי ווי ער האט גערעדט פאר א יארן, איז ער נישט געוואקסן. וואקסן הייסט רעדן צום אויבערשטן - **רעדסט צום אויבערשטן הייסטו א 'בר דעת'!**

**ר' יעקב מאיר** [שכטער] שיחי' פלעגט אלעמאל איבער זאגן: **"איזהו בר דעת המכיר את קונו"** - וואס הייסט א בר דעת? וויפל דו קענסט דעם אויבערשטן! - וואס הייסט קענסט דעם אויבערשטן? רעדסט מיטן אויבערשטן - קענסטו אים!

פון וואנעט קענסטו אים? דו רעדסט מיטן אויבערשטן קענסטו דעם אויבערשטן! דו רעדסט מיטן אויבערשטן, דו רעדסט דו רעדסט; דער אויבערשטער איז דאך ממציא די דיבור – רעדסטו דיבורים צום אויבערשטן, קענסטו דעם אויבערשטן!

און דער עיקר וואס מען דארף רעדן צום אויבערשטן איז במידת הדין, מנצח זיין דעם אויבערשטן אין מידת הדין. דאס איז דער עיקר, דאס איז דער עיקר שיחה וואס דער רבי האט אונז געוואלט אריינברענגען, מנצח זיין דעם אויבערשטן אין מידת הדין; זיך אויסרעדן, זיך אויס'טענה'ן מיט טענות ואמתלאות[כז] און געשמאקע טענות.

---

**כז.** ראה ליקו"מ תורה כ"ה ובשבחי הר"ן י', י"א.

ס'איז דא געשמאקע טענות - אויף יעדער, יעדער נקודה איז דא אָן א שיעור טענות ואמתלאות נפלאים ווי אזוי; מיט וואס מען קען זיך אויס'טענה'ן מיטן אויבערשטען, אָן א שיעור, אן א שיעור!

דער וואס ער איז א רגיל; דער וואס איז זיך מרגיל מיט דעם - ער רעדט און ער רעדט און רעדט; ער לאזט נישט אָפּ, ער לאזט נישט אָפּ דעם דיבור, ער לאזט קיינמאל נישט אָפּ דער דיבור[כח]!

א ברסלב'ער חסיד; כמעט מען קען דערקענען, ווער עס האט אביסל א שמעק קען דערקענען ברסלב'ער חסידים - די שטארקע ברסלב'ער חסידים כמעט זיי פארמאכן נישט די מויל[כט], עס איז פון מינוט צו מינוט, ס'איז דא צייט - רעדט מען שוין. דער אויבערשטער איז דא! דו קענסט דא, דו ביסט לעבן (נעבן) אים, דו קענסט רעדן! מען רעדט – ס'איז א גאנצע צייט דא וואס צו רעדן, עס איז א גאנצע צייט, א גאנצע צייט!

א ברסלב'ער חסיד האט באקומען א פאַך אין די הענט; א אומנות. מיר האבן באקומען אזא אומנות וואס עס רופט זיך "אומנות אבותינו[ל]", די שפראך פון תפילה; רעדן צום אויבערשטן!

---

**כח.** ראה ליקו"מ תורה ע"ח שהדיבור נקרא 'אם הבנים' שהולך עם האדם בכל מקום וכו'. וראה בליקו"ת תפילה ל"ו: ..עֲדַיִן יֵשׁ לִי תִקְוָה גַּם עַכְשָׁיו, וְאֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל. **עַל־כֵּן כָּל עוֹד נַפְשִׁי בִּי אֶצְעַק אֵלֶיךָ,** כָּל עוֹד רוּחִי בְּקִרְבִּי אֲצַפְצֵף לְרַחֲמֶיךָ, כָּל זְמַן שֶׁהַנְּשָׁמָה בְּקִרְבִּי אֲצַפֶּה וַאֲקַוֶּה וַאֲיַחֵל לִתְשׁוּעָתֶךָ.

**כט.** ראה רוחא דחיי קונטרס ב' עמ' י"ח, ושם בהערות.

**ל.** ראה ליקו"ה הל' שליח לגבות חובו ג,יג וז"ל: וְעַל כֵּן תָּפַס מָרְדְּכַי בְּחִינַת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁבְּכָל דּוֹר אֻמָּנוּת אֲבוֹתֵינוּ לִצְעֹק אֶל ה' הַרְבֵּה זְעָקָה גְּדוֹלָה וּמָרָה וּלְהַרְבּוֹת בִּתְפִלּוֹת וּבְתַחֲנוּנִים. ובשילוח הקן ד, ה: אֲבָל דֶּרֶךְ יִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ שֶׁהֵם תּוֹפְסִין אֻמָּנוּת אֲבוֹתֵיהֶם בִּידֵיהֶם וּבְכָל פַּעַם הֵם צוֹעֲקִים אֶל ה' וְעַל יְדֵי זֶה הֵם מַכְנִיעִין בְּכָל פַּעַם פַּרְעֹה וְחֵילוֹתָיו שֶׁהֵם הַסִּטְרָא אָחֳרָא וכו'.

## 'לנוכח' דיין פראבלעם..

שטייט אנהויב די פרשה: "**וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה הִוא**[לא]" א פשוט'ע פסוק פון חומש; "ויעתר יצחק לנוכח אשתו כי עקרה היא". זאגט רש"י: "**ויעתר, הרבה והפציר בתפלה**[לב]". דער מדרש זאגט[לג]: "**ששפך תפילות בעושר**".

טראכט אריין אין פשוטע ווערטער פון חומש, וואס שטייט דארט "ויעתר יצחק לה' לנוכח אשתו כי עקרה היא". יצחק האט מרבה געווען די תפילה "לנוכח אשתו", אנטקעגן זיין ווייב - פארוואס? ווייל זי האט נישט קיין קינדער!

ווען א מענטש הערט אז זי האט נישט קיין קינדער - איז שוין; געענדיגט, זי האט נישט קיין קינדער.. [אבער יצחק האט געטאן פארקערט:] ניין! ווייל זי האט נישט קיין קינדער דערפאר האט ער א גאנצע צייט מתפלל געווען קעגן איר - ווען ער זעהט איר איז "ויעתר יצחק להשם"!

דאס הייסט: א מענטש האט א פראבלעם דארף ער מתפלל זיין 'לנוכח' זיין פראבלעם. האסט א פראבלעם? 'ויעתר יצחק לנוכח' - לנוכח דער ענין 'כי עקרה היא'.. ווייל דו האסט א פראבלעם דארפסטו רעדן, דארפסטו מרבה זיין בתפילה. דווקא ווייל דו האסט א פראבלעם דארפסטו מרבה זיין בתפילה!! (ווייל דאס איז דאך דער תכלית און די כוונה פון דער פראבלעם).

---

**לא.** בראשית כה, כא

**לב.** **ויעתר.** הרבה והפציר בתפלה: **ויעתר לו.** נתפצר ונתפייס ונתפתה לו. ואומר אני, כל לשון עתר, לשון הפצרה ורבוי הוא וכו' **לנכח אשתו.** זה עומד בזוית זו ומתפלל, וזו עומדת בזוית זו ומתפללת. (רש"י)

**לג.** מדרש רבה בראשית סג, ה

דאס דערציילט אונז די תורה; עס איז גאר א אינטרעסאנטע סארט זאך "ויעתר יצחק לנוכח אשתו" - א מענטש איז מתפלל מתפלל (סתם אזוי..), בסדר.. אבער ניין,"ויעתר יצחק לנוכח אשתו", לנוכח - יא לנוכח; דער פראבלעם שטייט אנטקעגן די אויגן – אנטקעגן דעם פראבלעם דארף איך מתפלל זיין!

האסט עפעס א זאך; א מענטש קומט צו עפעס א פלאץ און מען לאזט אים נישט גיין ווייטער - הויבט ער אן מתפלל זיין, לנוכח דער פראבלעם הויבט ער אן מתפלל זיין. יעדע זאך, ווייל איך האב א פראבלעם דארף איך עס ממתיק זיין מיט 'ריבוי תפילות'.

איך האב אמאל געהערט דערציילן[לד]: אז דער **חזון אי"ש** האט נישט געלערנט אין א ישיבה, זיין טאטע איז געווען דער רב אין שטעטל (קוסובה) און ער האט אים אביסל מדריך געווען, ער האט געלערנט ביי אים. איז ער געזעצן און געלערנט אין שול מיט זיין ברודער - ער האט געהאט א עלטערער ברודער, **ר' מאיר קרליץ** האט ער געהייסן, ער איז געווען א רב, דא אין בני ברק איז ער געווען.

איז דער ברודער האט דערציילט - אז זיי פלעגן לערנען צוזאמען חברותא און יעדער מאל מען האט אנגעקומען צו עפעס וואס מען האט נישט פארשטאנען [דער חזון אי"ש בידוע איז נישט געווען קיין גרויסער בעל כשרון, א 'בינוני' האט ער געהייסן..], האט ער זיך געשטעלט אין די זייט, און ער האט זיך געשטעלט אין די אנדער זייט, אוןביידע האבן מתפלל געווען און מתפלל געווען, און צוריק געגאנגען לערנען. און אז מען פארשטייט נאך ווייטער נישט, האבן זיי זיך ווייטער ביידע געשטעלט אין די זייטן און מתפלל געווען און זיך ווייטער געזעצט לערנען; אזוי ביז מען האט פארשטאנען. געלערנט און געלערנט, געלערנט און געדאוונט ביז מען האט פארשטאנען.

---

**לד.** ראה בספר 'פאר הדור' עמוד קע"ב

דאס הייסט א בחינה וואס רופט זיך "ויעתר יצחק לנוכח אשתו"; האסט חתונה געהאט, דארפסטו האבן קינדער?! איז דארף מען מתפלל זיין, דארף מען מתפלל זיין! - עס גייט נישט? דארף מען (נאך מער) מתפלל זיין!

אז מען נעמט זיך א חברותא; א בחור נעמט א חברותא און דער לערנען גייט נישט, וואס הייבט מען אן צו טאן? הויבט מען אן רעדן, מען הויבט אן פלוידערן.. - ס'גייט נישט דער לערנען? דארף מען זיך שטעלן אין דעם ווינקל, אראפ בייגן דעם קאפ,ביידע (זאלן) מתפלל זיין און פרובירן ווייטער לערנען..

"רבש"ע דער יצה"ר לאזט אונז נישט לערנען" - יעדער איינער זאל אראפ בייגן דעם קאפ לנוכח החברותא. איי איך שעם זיך פון מיין חברותא - דארפסט זיך נישט שעמען פון דיין חברותא.. יצחק האט זיך אויך געשעמט פון זיין ווייב?! - מען דארף זיך נישט שעמען! איך האב גענומען א חברותא צו לערנען, ס'גייט נישט דארף מען מתפלל זיין..

מען האט גענומען א ווייב צו האבן קינדער - עס גייט נישט דארף מען מתפלל זיין. דאס איז דאס, נישטא קיין צווייטע זאך. 'לנוכח אשתו' דארף מען מתפלל זיין, דאס וואס מען דארף טאן - מען דארף מתפלל זיין!

## רעדן און רעדן..

דער רבי האט אונז געלערנט אז אלעס וואס טוט זיך אויף דער וועלט מיינט תפילה[לה], עס איז נישטא קיין אנדער זאך, מען מיינט נישט קיין אנדער

**לה.** ראה שיש"ק ג, ק"ב ובכוכ"א אמת ואמונה אות ט: וְהַמּוּבָן מִדְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים בְּדֶרֶךְ כְּלָל, שֶׁאַף־עַל־פִּי שֶׁכָּל הַצָּרוֹת וְהַיִּסּוּרִים אֲשֶׁר יִשְׁלַח הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל הָאָדָם, הַכֹּל הוּא כְּפִי אֲשֶׁר יֵיטִיב לְנִשְׁמָתוֹ לָעַד וְלָנֶצַח, אֲבָל עַל־פִּי רֹב יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁכָּל זֶה הוּא כְּפִי שֶׁלֹּא הִתְפַּלֵּל עוֹד עַל זֶה (אוֹ שֶׁלֹּא הִרְבָּה עַל זֶה בִּתְפִלָּה), אֲבָל בְּעֹצֶם הַתִּקּוּנִים הַנַּעֲשִׂים עַל־יְדֵי תְּפִלָּתוֹ יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁיִּתְהַוֶּה אֶצְלוֹ כְּלִי עַד שֶׁיִּהְיֶה בִּיכָלְתּוֹ לְקַבֵּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ גֹּדֶל חַסְדּוֹ וְרַחֲמָיו הַמְרֻבִּים.

זאך.. אז נישט איז דאס דינא דמסאבא; טאמער שטעלסטו זיך אפ פון עפעס א זאך, מיינט עס אז דו ליגסט אין די סטרא אחרא – די סטרא אחרא האט דיר אריינגעכאפט...

נישטא אזא זאך א מענטש זאגט "איך האב נישט קיין חשק; איך בין געקומען אין ישיבה היינט, און איך האלט נישט ביים לערנען".. - דו האלסט נישט ביים לערנען?! איז עפן דיין מויל צום אויבערשטן - זאג אים: "רבש"ע וואס זאל איך טאן, איך האב היינט א פארשטיינערטע הארץ, איך האלט נישט ביים לערנען. האב רחמנות אויף מיר, איך האלט נישט ביים לערנען. העלף מיר ארויס, איך האלט נישט ביים לערנען, ראטעווע דעם מצב –וואס וועט זיין מיט מיר.."

רעד צום אויבערשטן: "כ'האב א יצר הרע, העלף מיר זיך מתגבר זיין אויפן יצר הרע, צו צוקלאפן דעם לב האבן.. העלף מיר!" - בעט דעם אויבערשטן.

ער וויל לערנען, אבער ער פארשטייט נישט דעם לערנען - "רבש"ע איך פארשטיי נישט דעם לערנען, מיין קאפ ארבעט נישט היינט, איך בין אינגאנצן צופייפט, איך האב נישט קיין ריכוז, איך קען זיך נישט מרכז זיין בכלל, מיין מוח פליט מיר ארום"..

בעט דעם אויבערשטן, בעט דעם אויבערשטן א צוויי דריי מינוט, שפעטער פרוביר לערנען. וועט זיך לערנען איז גוט, אז נישט; עס וועט נישט גיין דער לערנען, וועסטו מפסיק זיין –– און וועסט נאכאמאל מתפלל זיין. וועסט נאכאמאל מתפלל זיין, וועסטו נאכאמאל פרובירן לערנען – ביז דער אויבערשטער וועט דיר העלפן, עס וועט זיך דיר עפענען דער פתח; וועסטו זיצן און לערנען!

די זעלבע זאך ווען מען זיצט מיט חברים (אין ישיבה א.ד.ג.), זיי לאזן אים נישט לערנען - בעט מען: "רבש"ע מען לאזט מיר נישט לערנען!" רעד צום אויבערשטן: "איך לאז זיי נישט לערנען, זיי לאזן מיר נישט לערנען - איך ווייס נאך נישט פונקט ווער איז דער גורם פאר וועמען - אבער רבש"ע העלף מיר, לאז נישט איבער דעם מצב אזוי; זאל נישט ווערן קיין דינא דמסאבא ח"ו".

"זיי מיר יא מקרב - אפשר בין איך אויך אליין שולדיג, "בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו" "אם תעזבנו יום יומיים אעזבך", איך האב זיך אליין גורם געווען - אבער זיי מיר מקרב, לאז נישט איבער די דינים אזוי!"

מתפלל זיין, מתפלל זיין - דאס האט דער רבי געוואלט אריינברענגען, אז מען דארף מתפלל זיין. חוץ וואס מען דארף האבן א סדר פון התבודדות, די קביעות פון התבודדות – אבער חוץ פון דעם, (דארף מען האבן) סתם דער הרגל תפלה א גאנצע צייט[לו].

דער וואס האט התבודדות, א קביעות פון התבודדות – עפנט (פתח) אים אויך, אז א גאנצן טאג זאל ער גיין מיט תפילה. און דער וואס גייט א גאנצן טאג מיט תפילה, עפנט עס אויך, אז ביי די שעה התבודדות זאל ער אויך האבן א ברכה אין דעם. איינע ברענגט די אנדערע.

אבער מען דארף זיך מרגיל זיין די זאך רעדן צום אויבערשטן, רעדן רעדן רעדן[לז].. זיך אויסלערנען רעדן, רעדן צום אויבערשטן! דאס איז א גרויסער יסוד, א גרויסער יסוד אין עבודת ה', א גרויסער יסוד אין גאנץ אידישקייט.

---

**לו.** ראה טעם זקנים קונטרס ע' עמ' 18: דער ענין פון התבודדות [איז דאך קובע זיין] א צייט אין טאג, אבער אין דער אמת'ן, התבודדות איז דער פשט אז עס דארף אין מיר אריינגעבן א ענין פון 'בדד', צו זיין מיט'ן אויבערשטן - כסדר מיט'ן אויבערשטן, **התבודדות דארף אריינגעבן אין מיר אז איך זאל זיך כסדר נישט אפרייסן פונעם אויבערשטן! וואס איך טוה (נאר) עפעס א זאך, פאר'ן עסן, אינמיטן עסן, און פאר'ן בענטשן, אינמיטן בענטשן - זאל איך זיך קיינמאל נישט אפרייסן פון אים**, דאס איז דער ענין פון התבודדות - (אז) 'איך האב א שייכות מיטן אויבערשטן' - דערציייל איך דאך דעם אויבערשטן אלעס, דארף דאס אריינגעבן, איך זאל כסדר זיין מיט'ן אויבערשטן, כסדר זיך נישט אפרייסן פון אים.

**לז.** ראה טעם זקנים קונטרס ז' עמ' 38: **א מענטש דארף רעדן צום אויבערשטן 'אלסדינג'** - איך לערן; רעד צום אויבערשטן 'וואספארא לערנען לערן איך?!' וואספארא פעולות ער טוהט; ער עסט, ער שלאפט, ער לערנט, ער גייט - אלסדינגס דערציילן השם יתברך! דאס איז דער עיקר התבודדות - "אשפוך לפניו שיחי".

## זה השער לה'!

דאס איז דער עיקר **"כלי זיין"** - דער רבי האט אונז געזאגט[לח] אז דאס איז דער עיקר כלי זיין פון די מלחמה, מיט דעם איז מען אלעס מנצח. אלעס איז מיט תפילה, **"בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי"** - דער עיקר כלי זיין!

דאס דארף מען וויסן: **"חֲגוֹר חַרְבְּךָ עַל יָרֵךְ**[לט]**"** – האלטן אויף זיך דער שווערד פון תפילה; מתפלל זיין, בעטן, נישט אויפהערן צו בעטן, נישט אויפהערן.. רוקן ענינים; יעדע זאך מתפלל זיין, האלטן די מויל אפן, בעטן דעם אויבערשטן..

דאס איז דער עיקר חינוך אין עבודת ה'[מ] - דער עיקר חינוך וואס מען ברענגט זיך אריין אין עבודת ה', אז אין יעדע זאך; ווען מען קומט אריין צום עסן, מען קומט אריין צום לערנען, מען קומט אריין צום דאווענען, מען קומט אריין צווישן מענטשן, אוואו מען קומט.. – יעדער זאך דארף מען בעטן דעם אויבערשטן, בעטן דעם אויבערשטן: "רבש"ע זאלסט מיר געבן א 'פתחון פה', די זאך זאל זיין ווי עס דארף צו זיין!"

יעדער זאך; איינער וויל עסן בקדושה - רעד צום אויבערשטן, 'בין לבין' רעד צום אויבערשטן. דארפסט רעדן מיט מענטשן, בעט דעם אויבערשטן. אינמיטן רעדן מיט מענטשן, בעט דעם אויבערשטן זאלסט רעדן אזוי ווי מען דארף, זאלסט נישט רעדן, נישט ווי מען דארף רעדן.. - און אזוי אין יעדע זאך.

---

**לח.** ליקו"מ תורה ב'

**לט.** תהילים מה,ד

**מ.** ראה ליקו"ה ברכת המזון ג, יג וז"ל: נִמְצָא, שֶׁעִקַּר הַחִנּוּךְ לִכְנֹס אֶל הַקְּדֻשָּׁה הוּא עַל-יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת וְשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ.

עס איז א קנין! א קנין, א קנין עצום וואס א ברסלבער חסיד דארף, דער שורש פון גאנץ עבודת ה'. דער שורש פון עבודת ה' איז רעדן צום אויבערשטן, רעדן און רעדן און רעדן.. - א מדבר; איך בין א רעדנער! רעדן; רעדן און בעטן, בעטן און רעדן - א גאנצע צייט.

פארשטייט זיך, מען קען דאך נישט "כל התורה כולה על רגל אחת" (מ'קען נישט מקיף זיין די אלע חלקים פון התבודדות אויף איין מאל) — וואס יא, דאס מוז מען דערמאנען אלעמאל, אז בעטן גייט אויך צוזאמען מיט לויבן, מיט דאנקען[מא]. עס איז שווער צו נאר בעטן; א מענטש בעט.. ער בעט און דאנקט; עס איז דא א גאנצע צייט אויך וואס צו דאנקען! אבערביידע זאכן, ביידע זאכן (הודאה ובקשה) גייען צוזאמען.

עכ"פ, די זאך פון אויסשמועסן צום אויבערשטן דאס איז דער עיקר עצה אין עבודת ה'. אשרי ווער ס'איז זאך מרגיל אין דעם מער און מער און מער און מער. וואס מער ביזט קונה דעם ענין איז אלע ענינים אין עבודת ה' אנדערש. אלעס אלעס אלעס..

דאס איז דער עצה העיקרית, עצה העיקרית! עס איז פשוט; מען קען נישט - עס איז נישט שייך צו ארויסגעבן די טייערקייט פון דעם. **"זה השער לה'"**, דער שער צום אויבערשטן: דו רעדסט מיטן אויבערשטן - לעבסטו מיטן אויבערשטן!

---

**מא.** ראה ליקו"מ תורה ב' שהתפילה היא בחי' פי שנים שיש בה בקשה והודאה וכו' ומוהרנ"ת מאריך בזה באריכות נפלאה בליקו"ה נחלות ד'. וראה בשיש"ק הישן ב, ב : רַבֵּנוּ אָמַר: בְּעֵת שֶׁמַּתְחִיל הָאָדָם לְהִתְבּוֹדֵד לְפָנָיו יִתְבָּרֵךְ וּלְבַקֵּשׁ מִמֶּנּוּ עַל צְרָכָיו, יִתֵּן לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ תּוֹדָה עַל כָּל חֲסָדָיו שֶׁגָּמַל עִמּוֹ וְאַחַר כַּךְ יַתְחִיל לְבַקֵּשׁ עַל צְרָכָיו, כִּי כְּשֶׁמַּתְחִיל לְהִתְבּוֹדֵד וּמְבַקֵּשׁ רַק עַל צְרָכָיו וְחֶסְרוֹנוֹתָיו, אוֹמֵר הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ "וְכִי אֵין לְךָ כְּלוּם עַל מַה לְהוֹדוֹת לִי" - "הָאסְט מִיר גָאר נִישְׁט וָואס צוּ דַּאנְקֶען". [ובכלליות על ענין ההודאה ואיך אפשר להודות בכל מצב ראה ליקו"מ תורה ב' תניינא ובליקו"ה כלאי בהמה ד'.]

## א ברסלב'ער – דער אויבערשטער איז דא!

איך האב אמאל געהערט פון **ר' משה קרמר** שיחי': אז עס איז געווען א יונגערמאן, א חשוב'ער ברסלב'ער יונגערמאן וואס ער איז ל"ע אומגעקומען על קידוש ה'. ער איז געווען איינע פון די אומגעקומענע פון א באמבע פון א אוטו, א גרויסער תלמיד חכם, ער האט געלערנט אין מיר'ער ישיבה.

זיין שווער איז געווען **א ליטווישער** - איז מען געקומען דארט מנחם אבל זיין, מען האט גערעדט זיינע שבחים און אלע מעלות זיינע, ער איז באמת געווען גרויס אין תורה אין חסד אין מדות טובות און אין אלע זאכן. האט זיין שווער דער ליטוויק - אזוי האב איך געהערט פון ר' משה קרמר. [איך האב דאס אליין געהערט פון אים, איך מיין ער איז אפילו געזעצן דארטן בשעת מעשה.]

האט ער מיר געזאגט אז דער שווער דער ליטוויק האט זאך אנגערופן: "איר זאגט אלע גוטע זאכן, אבער נישט דאס איז זיינע מעלות - זיין אמת'ע זאך וואס ער איז געווען; ער איז געווען א ברסלב'ער! ווייסט וואס הייסט א ברסלב'ער? - זאגט ער: "**מיר אלע טוען אסאך גוטע זאכן, אבער אוואו דער אויבערשטער?!"- ביי א ברסלב'ער איז דער אויבערשטער דא! דא.. ער איז א גאנצע צייט מיט אים!** - דאס איז געווען מיין איידים! מיין איידים איז געווען א ברסלב'ער; א גאנצע צייט מיטן אויבערשטן...

א ליטווישע הבנה אין וואס הייסט א ברסלב'ער - נו.. אבער דאס איז די הבנה! דאס איז די אמת'ע הבנה, **דאס איז א ברסלבער חסיד; א גאנצע צייט מיטן אויבערשטן**, מיטן אויבערשטן - יעדע זאך מיטן אויבערשטן!

דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע זוכה זיין אלעמאל לעבן מיטן אויבערשטן, "תמים תהיה עם ה' אלוקיך". "שויתי ה' לנגדי תמיד" – שטענדיג זיין מיטן אויבערשטן!

אזוי וועט דער גאנצער טאג זיין א אנדער טאג!

בס"ד

מִי שֶׁתּוֹרָתוֹ בְּלֹא הֲבָנָה בָּהּ שׁוּם חִדּוּשׁ, אַף עַל פִּי שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְעַנֵּג בָּהּ גַּם כֵּן, אַף עַל פִּי כֵן אֵין לִדְרֹשׁ אוֹתָהּ לָרַבִּים

**אֲבָל מִי שֶׁחֲנָנוֹ ה' לְהָבִין וּלְחַדֵּשׁ אֵיזֶה דָּבָר כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ, הַיֹּשֶׁר מְחַיֵּב, שֶׁיְּגַלֶּה וְיַכְנִיס זֹאת הַהֲבָנָה לְעַם סְגֻלָּה, וְיֵיטִיב מִטּוּבוֹ לַאֲחֵרִים**

(ליק"ע)

# מגלים ומכניסים זאת ההבנה לעם סגולה !

## יש לנו עכשיו את ההזדמנות ואת הזכות להוציא לאור

**דיבורי ראש חבורתנו הבלתי נשכח**

# ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל

## שדיבוריו היה לחדש ולהחיות את דברי רביה"ק לקיימם בתמימות ופשיטות

# חבר יקר !

## קח שותפות קבוע בעסק קדוש זה

**אִיהר קָאנְט זַיין שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט**
**און מִיט רָצוֹן און מִיט טִרְחָא**

**לתרומות**

ירושלים:
הר"ר יהודה שטרנפלד הי"ו
05331.93747

בית שמש:
הר"ר דוב בער רובינפלד הי"ו
05341.52325